# א וואַלץ

איינס — צוויי, דריי, איינס — צוויי דריי.
פאַרלאָך דרייען זיך — פאַרלאָך דרייען זיך —
ווייסטו ווי אַזוי ? ווייסטו ווי אַזוי ?
בוימער אין וואַלד — דרייען זיך אַזוי —
ווען דו פאַרסט פאַרביי — אין אַ באַן פאַרביי.

איינס — צוויי, דריי, איינס — צוויי דריי.
אַז די פידל שפּילט — שפּרייט זי ווענן אויס —
ווייסטו וואָסערע ? — ווייסטו וואָסערע ?
ווייכע מיידל הענט — אונטער דיינע פיס —
קרויזלען דיך אַרויף — ווי אַ רויך אַרויף.

איינס — צוויי, דריי, איינס — צוויי דריי.
אַז די מאַנדאָלין — צימבלט אָט אַזוי —
ווייסטו וואָס זי טוט ? — ווייסטו וואָס זי טוט ?
דיינע יונגע טעג — די פאַרגאַנגענע —
ברעקלט זי פאַנאַנד — ברעקלט זי פאַנאַנד...

איינס — צוויי, דריי, איינס — צוויי דריי.
אַז דאָס פלייטל פייפט — אַז דאָס פלייטל פייפט —
ווייסטו וואָס דו הערסט ? — ווייסטו וואָס דו הערסט ?
טויטע אין דער ערד — וויינען דאָס אַזוי —
וואָס-זשע וויינען זיי ? וואָס-זשע ווילן זיי ?

איינס — צוויי, דריי, איינס — צוויי דריי.
אַז די פויק באַרוישט — אַז די פויק באַרוישט —
ווייסטו וואָס דאָס איז ? — ווייסטו וואָס דאָס איז ?
דאָס איז דאָך דער רויש — אָט דער וועלט-גערויש —
וואָס פאַרטויבט אין דיר — פחד פאַר'ן טויט...

איינס — צוויי, דריי, איינס — צוויי דריי.
אַז דאָס לעבן איז — אַ געדריי אַזאַ. —
וויינט די ווילאַנטשעל : איינס — צוויי — דריי.
ווען פון דער וועלט — אַלע זיך צעגיין. —
— טוט מיר אַזוי זויי. — טוט מיר אַזוי וויי. —